# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:04
מוצאי שב"ק...................9:37

**שיעורים כסדרן**
נ"ך......שיר השירים ח'-רות א'
בבלי.......................יבמות פ"ט
ירושלמי............שבועות י"ט
תוספתא.................נגעים א'
רמב"ם.......................כלים י'


פרשת במדבר, ערב יום טוב שבועות, אבות פרק ו', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 40 (555)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וּבָא אַהֲרֹן וּבָנָיו בִּנְסֹעַ הַמַּחֲנֶה וְהוֹרִדוּ אֵת פָּרֹכֶת הַמָּסָךְ וְכִסּוּ בָהּ אֵת אֲרֹן הָעֵדֻת.** בַּיים סוֹף פוּן דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז אֵיידֶער דֶער מִשְׁכָּן הָאט גֶעצוֹיגְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְדֶעקְן אַלֶע הֵיילִיגֶע כֵּלִים פוּנֶעם מִשְׁכָּן, אוּן עֶרְשְׁט דַאן הָאבְּן דִי לְוִיִּם גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אוּן טְרָאגְן דִי פַארְדֶעקְטֶע כֵּלִים, אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט צוּ, **וְלֹא יָבֹאוּ לִרְאוֹת כְּבַלַּע אֶת הַקֹּדֶשׁ וָמֵתוּ,** מְ'זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי לְוִיִּם זָאלְן נִישְׁט זֶען וִוי מְ'דֶעקְט אִיבֶּער דִי כֵּלִים, וַוייל זֵיי קֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם שְׁטַארְבְּן פוּן דֶעם.

פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז דִי כֵּלִים זָאלְן זַיין פַארְדֶעקְט, אוּן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶען דִי כֵּלִים אָפֶענֶערְהֵייט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים,** אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִּיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת.

אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז ווִי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקֶל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפֶּל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", זֶענֶען דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶּער "וּמֹשֶׁה", דָאס אִיז דֶער דַּעַת אוּן שֵׂכֶל פוּן אַלֶע אִידְן, "נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל", אִיז דַוְקָא יָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם נֶעפְּל, וַוייל עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט, "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק שְׁטֵייט בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וַוייל דָאס אִיז גָאר אַ ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד פַאר דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, צוּ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפּ אַ אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין זַייט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִים, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָאס אִיז נָאר זַיין נִסָּיוֹן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אוּן עֶר ווִיל נָאר זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קַיין שׁוּם פְּרַייז אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶען דִי כֵּלִים פוּנֶעם מִשְׁכָּן אָפֶענֶערְהֵייט, וַוייל דֶער וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, אִיז דַוְקָא דוּרְךְ אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶע אוּן בַּאהַאלְטֶענֶע וֶועג, דַוְקָא וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז אַלֶעס אִיז אִים פַארְדֶעקְט, אַלֶעס אִיז פַארְלָאשְׁן, אַלֶעס אִיז טוּנְקֶל, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר קֶען נָאר אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּ אִים, וֶוען אַלֶעס אִיז אִים לִיכְטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק, דַאן אִיז עֶר אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל ווִי נָאר זַאכְן וֶועלְן נִישְׁט גֵיין ווִי עֶר ווִיל, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

דָאס וָוארְנְט אוּנְז דֶער פָּסוּק "וְלֹא יָבֹאוּ לִרְאוֹת כְּבַלַּע אֶת הַקֹּדֶשׁ", דִי לְוִיִּם זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זֶען דִי הֵיילִיגֶע כֵּלִים אָפֶענֶערְהֵייט, וַוייל אוֹיבּ יָא קֶען חַס וְשָׁלוֹם זַיין, "וָמֵתוּ", זֵיי קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּפַאלְן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן דַוְקָא וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי מִיר ווִילְן, וֶוען אַלֶעס זֶעט אוֹיס פַארְדֶעקְט אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן דַוְקָא דֶעמָאלְט זָאלְן מִיר טְרָאגְן אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (תּוֹךְ הַנַּחַל בַּמִּדְבָּר תשס"א)

# מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

## יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה; דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף מֶען פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף זִיךְ גֶענְצְלִיךְ בַּאנֵייעֶן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַ שֵׁיינֶע טַעַם פַארְוָואס מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ; דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס, כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען ווִי נֵיי גֶעבּוֹירְן; אַ קְלֵיין קִינְד עֶסְט דָאךְ נָאר מִילְךְ, דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס צוּ ווַייזְן אַז מִיר זֶענֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מִיר הֵייבְּן אָן פוּן

<<<<<<

# א גוט ווארט

כַאפּ אַרוֹיס אַבִּיסְל צַייט אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפַּשְׁטוּת מֵיינְט מֶען אִים צוּ פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּתְ'דִיגֶע שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפד) אַז 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְּזֵלָה', אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ"; דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי שְׁאֵלָה, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה' הָאסְט אַרָאפְּגֶעגַנְבְ'עט צַייט צוּ לֶערְנֶען? הָאסְט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּן דַיין פַארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט פַאר תּוֹרָה?
וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט אַרוֹיס צַייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

## אַ בְּרִיווּ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בִּיסְט טֵייעֶר, קֶענְסְט יָא, קֶענְסְט גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּיר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בּוּיסְט אוֹיף דִי קִינְדֶער, דוּ גֶעבּסְט זֵיי אַ וֶועג זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען קֶען מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר אַ שְׁלֶעכְט קִינְד אוּן מֶען קֶען מַאכְן יֶעדְן קִינְד פַאר אַ צַדִּיק; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵּד, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַאר אַ נִיגוּן דֶער מְלַמֵּד זִינְגְט פַאר'ן קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד הֶערְט טָאג אוּן נַאכְט: "בִּיסְט וואוּיל", "בִּיסְט וֶוערְד", "בִּיסְט טֵייעֶר", "קֶענְסְט יָא", "קֶענְסְט גוּט", "וֶועסְט זַיין אַ צַדִּיק" - דֶער נִיגוּן וֶועט אִים מַאכְן פַאר אַ צַדִּיק, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען עֶר הֶערְט קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה (שְׁמוֹת לב, יח), מֶען קְלַאפְּט אִים, מֶען זָאגְט אִים: "בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט", "דוּ בִּיסְט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד", "בִּיסְט אַן עֶקְלְדִיג קִינְד" - אִיז דָא אַ קְלֵיינֶע הָאפֶענוּנְג אַז עֶפֶּעס זָאל וֶוערְן פוּן דֶעם קִינְד.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיפְ'ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ב) "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ", הֵיילִיג זָאלְט אִיר זַיין, "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם", (וַיִּקְרָא רַבָּה כד, ט): "יָכוֹל כָּמוֹנִי, תַּלְמוּד לוֹמַר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי", טַייטְשְׁן דִי צַדִּיקִים דָאס אוֹיס נִישְׁט בִּלְשׁוֹן פְּרַאגֶע: "יָכוֹל כָּמוֹנִי?" נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער: "יָכוֹל", דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען "כָּמוֹנִי" - צוּ דִי גְרֶעסְטֶע, הֶעכְסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וִוי אַזוֹי? "תַּלְמוּד לוֹמַר", זָאלְסְט אַסַאךְ זָאגְן אוּן חַזְרְ'ן: "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי" – "אִיךְ בִּין הֵיילִיג", "אִיךְ בִּין גוּט", "אִיךְ בִּין אַ אִיד", "אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא"; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע, הֶעכְסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

דָאס אִיז זֵייעֶר וִוִיכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים צוּ וִויסְן, זֵיי זָאלְן אַסַאךְ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, זֵיי רוּפְן מִיט שֵׁיינֶע לְשׁוֹנוֹת, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן: "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי", אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַמָאל אַ קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גוּט, מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט גוּט, אַדְרַבָּה, עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דֶער קִינְד אִיז גָאר גוּט אוּן טַאקֶע פַארְדֶעם פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אוֹיף אִים, דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ מֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שָׁרְשֵׁי נְשָׁמוֹת.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּ זַיין אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן שִׁפְרָה אוּן פוּעָה, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט לֶעבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּחוּמִין הֲלָכָה ו, אוֹת יח) דִי צַדִּיקִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "מְיַלְּדוֹת הָעִבְרִיּוֹת", וַוייל זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק צוּ לֶעבֶּעדִיג מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יא:) וָואס אִיז דִי נָאמֶען שִׁפְרָה אוּן פוּעָה? שִׁפְרָה, "שֶׁמְּשַׁפֶּרֶת הַוָּלָד", זִי מַאכְט שֵׁיין דֶעם קִינְד, פוּעָה, "שֶׁפּוֹעָה וּמְדַבֶּרֶת וְהוֹגָה לַוָּלָד כְּדֶרֶךְ הַנָּשִׁים הַמְפַיְּסוֹת תִּינוֹק הַבּוֹכֶה", זִי רֶעדְט צוּם קִינְד, אַזוֹי וִוי דִי סֵדֶר פוּן פְרוֹיעֶן וָואס רֶעדְן שֵׁיין צוּם קִינְד, בַּארוּאִיגְן דָאס קִינְד פוּן וֵויינֶען; זָאגְט רֶבִּי נָתָן, דָאס טוּעֶן דִי צַדִּיקִים, 'שִׁפְרָה' זֵיי מַאכְן שֵׁיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זוּכְן אוֹיף אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, זֵיי וַוייזְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ 'קוּק בִּיסְט יָא שֵׁיין, בִּיסְט יָא וֶוערְד, הָאסְט אִין דִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס'. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְן דִי צַדִּיקִים אָנְגֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן פוּעָה, "כִּי כֵן הוּא מַמָּשׁ עִסְקֵי הַצַּדִּיקִים עִם יִשְׂרָאֵל", דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "שֶׁפּוֹעִין וְהוֹגִין וּמְדַבְּרִין עִמָּהֶן וְשׁוֹרְקִין וּמְצַפְצְפִין וּמְרַמְּזִין אֲלֵיהֶם", זֵיי רֶעדְן, זִינְגֶען, פַייפְן, קְווִיטְשְׁקֶען אוּן ווִינְקֶען, "לְחַזְּקָם", זֵיי צוּ שְׁטַארְקְן, "לְעוֹרְרָם", זֵיי אוֹיפְצוּוֶועקְן, "וּלְהַגְבִּיהָם", זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן, "וְלַהֲרִימָם", זֵיי דֶערְהֵייבְּן, "מִכָּל מִינֵי נְפִילוֹת וִירִידוֹת וְהַשְׁלָכוֹת שֶׁלָּהֶם", פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן פַארְוָוארְפְן, "שֶׁיִּזָּרְזוּ בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת לְהִתְעוֹרֵר מֵחָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה׳ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכְלוּ לַחֲטֹף", זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי, "וְהוּא מַמָּשׁ כְּדֶרֶךְ שֶׁמְּפַיְּסִין תִּינוֹק הַבּוֹכֶה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת פּוּעָה", מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דִי פְרוֹיעֶן וָואס בַּארוּאִיגְן אַ קִינְד פוּן וֵויינֶען, "וְהַדְּבָרִים מוּבָנִים לְכָל אֶחָד לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ רַחֲמָנוּת הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת עָלֵינוּ אֲשֶׁר עַל יָדָם ה׳ יִתְבָּרַךְ מְחַזֵּק וּמְנַחֵם אוֹתָנוּ", דָאס אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַאר דִי וָואס וֵוייסְן דִי רַחֲמָנוּת פוּן דִי אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים, וָואס דוּרְךְ זֵיי הֶעלְפְט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן טְרֵייסְט אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "כְּאִישׁ אֲשֶׁר אִמּוֹ תְּנַחֲמֶנּוּ כֵּן אָנֹכִי אֲנַחֶמְכֶם" וְכוּ׳.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעכַאפְּט קוּקְן עֲבֵירוֹת, זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט זֵיי גֶעלֶערְנְט דָאס נִישְׁט צוּ טוּן אוּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין הֵיילִיג, זָאלְסְט זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דָאסְנֵיי זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹת 'ב' וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת? וַוייל יֶעדֶע עֶסְן וָואס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט נִיצְן, מֶען וַוארְפְט דָאס אַוֶועק, חוּץ מִילְךְ; וָואס אֲפִילוּ אַז עֶס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען דָאס נָאךְ נוּצְן, מֶען קֶען מַאכְן דֶערְפוּן קֶעז; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת, וַוייל מֶען וִויל וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ: אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן, דָאךְ קֶענְסְטוּ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק, אַזוֹי וִוי פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ וָואס מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק נָאר מֶען מַאכְט דֶערְפוּן פֵיינֶע קֶעז.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִאוּשׁ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!", זָאגְט ר׳ נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן בְּקוֹל גָדוֹל: "גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יִאוּשׁ, נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ זִיךְ אוּנְטֶער!" עֶר וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן!" יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת אִיז זַיין כַּוָּונָה נָאר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ פְּרָאבִּירְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ; דָאס וַוייזְט אוּנְז דֶער מִנְהָג פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס: "פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז", דָאס הֵייסְט: "פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!" אוּן זֵיי נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט בַּיי דִיר. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה - דָאס הֵייסְט, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: רֶעכְן אִיךְ כְּאִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר, יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכֶענֶען כְּאִילוּ דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא צִי נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען. עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת, עֶס אִיז גֶעמַאכְט מִיט דְרֵיי עֶקְן; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט

<<<<<<

אַז דער תַּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ שׁוּךְ, דָאךְ פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם דְרֵיי עֶקִיגְן שׁוּךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, וִוי זִיס אִיז מַיין שִׁיךְ, וִוי הָאנִיגְדִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואסְפַּארַא צוּקֶערְדִיגֶע שִׁיךְ, אַ ווּאוּילֶע שִׁיךְ", זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט וִוי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט דֶער תַּם אִיר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד".

דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶער דַאוֶוענֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דֶעם, אוּן אַז דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְן מִיר זָאגְן דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער תַּם הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זַיין שִׁיכֶעלֶע; וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן: "אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁלֵימוּת".

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ אוֹיף בְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָמָה ח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אוֹיפְגֶעוֶוען שָׁבוּעוֹת אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים - פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

מִיר בְּלַייבְּן אוֹיךְ אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת; מֶען זָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֶדְרָה פוּן חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. דָאס אִיז דֶער עִיקָר תִּיקוּן, דִי אַלֶע אִיבֶּעריִגֶע פְּסוּקִים דָאס הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט, אָבֶער דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק; אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, דֶערְפַאר גֵייט מֶען שְׁלָאפְן וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זָאגְן דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקוּן.

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט; מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת; דִי אַלֶע וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף סְתַּם צוּ רֵייכֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן. אָדֶער לֶערְנְט מֶען אָדֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן זַיין דָבוּק אִין אִים.

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", וֶוען מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז מֶען זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם 'תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבְלְ'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט 'שַׁעַר הַחֲמִישִׁים' אוּן דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וְכוּ'. דֶער תִּיקוּן גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיין, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה 'עַל דַּעַת כָּל הַצַּדִּיקִים, וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים'.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב; פְרֵיי דִיר שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ פְּלִיאָה) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ", הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" אַלֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן? זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי"; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, "אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס דוּ ווִילְסְט נָאר זָאגְן אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ זָאגְן, אָבֶער אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בַּמִּדְבָּר תשע"ח)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מֶעגְן עֶלְטֶערְן זָאגְן פַאר חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַלְס עֶלְטֶערְן פוּן חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, טְרֶעפְן מִיר זִיךְ צוּמָאל אִין מַצָּבִים וָואס מִיר זֶענֶען אִין אַ פַארְלֶעגְנְהֵייט אוֹיבּ מִיר זָאלְן זֵיי זָאגְן עֶפֶּעס וֶוען מִיר זֶעעֶן בַּיי זֵיי זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין אוּנְזֶער שְׁוֶוערֶע דוֹר וָואס אִיז פוּל מִיט אַזוֹי סַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

מִיר וֵוייסְן אַז עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין דָאס לֶעבְּן פוּן דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי לָאזְן לֶעבְּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לֶעבְּן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיבּ זֶעט מֶען נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין רוּחְנִיוּת, זַאכְן וָואס קֶען זַיין מַמָּשׁ אַ סַכָּנָה, דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ בְּלַייבְּן שְׁטִיל, גָארְנִישְׁט זָאגְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן? אָדֶער אִיז יָא דָא פֶעלֶער וָואס מִיר קֶענֶען זֵיי אוֹיפְמֶערְקְן אוּן זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אַלְס עֶלְטֶערְן?

וָואס זֶענֶען דִי כְּלָלִים, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ פִירְן, אִין דֶעם פַארְפְּלָאנְטֶערְטֶע נוֹשֵׂא?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָּיר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן אוּן עֶלְטֶערְן דַארְפְן זָאגְן, אָבֶער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט דָאס; אַז מֶען זָאגְט דָאס שֵׁיינֶערְהֵייט, מִיט לִיבְּשַׁאפְט - דֶעמָאלְט אִיז גוּט צוּ זָאגְן, אָבֶער אַז מֶען זָאגְט דָאס נִישְׁט אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, דֶעמָאלְט זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע, כָּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן אַ זַאךְ וָואס מֶען וֶועט אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען - אַזוֹי אִיז אַ מִצְוָה מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַ זַאךְ וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַלֶע זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל קֶען מֶען שְׁטִילֶערְהֵייט רֶעדְן צוּם דַיָּין אָדֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז זֵיי וֶועלְן מֶער אָנְנֶעמֶען פוּן זֵיי וִוי פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי אוּן וָואס צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< נייעס

די גאנצע וועלט מיט אירע הערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה און חיזוק, פאר יעדן איד.

**ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל!**

***

# "לעובדא ולמעשה", נייע אפטיילונג אויף "קול ברסלב"

גאר שיינע גריסן הערט מען צוריק פון די נייע אפטיילונג אויף "קול ברסלב" מיט'ן נאמען "לעובדא ולמעשה", וואס האט זיך אנגעהויבן מיט עטליכע וואכן צוריק.

דער נייער אפטיילונג איז געווידמעט צו הערן וועכנטליך פון די גבאים פון אלע בתי מדרשים היכל הקודש איבער די וועלט, וואס מען האט דארט געררעדט שיינע דיבורים וואס קענען ארויסהעלפן און מחזק זיין נאך אידישע קינדער, צו וויסן וואס זיי האבן צו טון לעובדא ולמעשה, און גלייכצייטיג צו הערן אביסל נייעס און אנטוויקלונגען וואס האבן זיך אפגעשפילט אין יענע געגנט, און נאך פארשידענע אינטערעסאנטע נושאים וואס קומען אריין מענין לענין.

דאס איז גאר א שיינע און קאלירפולע אפטיילונג, פילע טויזנטער צוהערער זענען זיך מחי' דערמיט וואך איין וואך אויס, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס נאך מער און שענער פארברייטערט ווערן צו די צופרידנהייט פון די מקשיבים.

אנצוקומען צו דעם אפטיילונג דארף מען דרוקן 1 פאר אידיש, 7 פאר פאמיליע ווינקל, און נאכאמאל 7 פאר'ן אפטיילונג לעובדא ולמעשה.

**שמעו ותחי נפשכם!**

# אַ גֶעצֵיילְטֶער אִיד

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ל"ד), יֶעדֶער אִיד הָאט אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן, אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס עֶר הָאט. דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד׳) אַז שְׁטֶענְדִיג לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת. לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד. וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, אוּן אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסֶל׳ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת, אִין פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן צֵיילְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן רַשִׁ"י זָאגְט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט, דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ אוּן נִישְׁט אַ צְוֵויטְן. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִּדְבָּר א)

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יודל איינהארן** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **ברוך אפעלדארפער** הי"ו

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למז"ט**

החתן **שלמה** הי"ו עב"ג בת

מו"ה **יואל בער וויזער** הי"ו

***

מו"ה **יצחק שמואל פרענקל** הי"ו

גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למז"ט**

הבחור **שמעון** נ"י

***

החתן **ישראל מאיר קראסניאנסקי** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

החתן **יעקב גוטמאן** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

החתן **יוסף כ"ץ** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# מען גייט מקבל זיין די תורה פונדאסניי

עס קומט דער הייליגער יום טוב שבועות, אידישע קינדער זענען זייער פרייליך מקבל צו זיין די תורה פון פריש, זיך באנייען מיט די הייליגע תורה, צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און מקיים צו זיין אלעס וואס דער אייבערשטער הייסט אונז אין די הייליגע תורה.

א ספעציעלער שמחה איז ביי ברסלב׳ע חסידים, וואס נעמען אן די עצות פון הייליגן רבי׳ן און לעבן מיט דעם, וואס זיי האבן א וועג ווי אזוי צו לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג. דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד אז מ׳קען לערנען תורה בלויז מיט׳ן זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מ׳פארשטייט נישט וואס מ׳זאגט און אפילו מ׳געדענקט נישט וואס מ׳האט געלערנט.

ווען א מענטש מיינט אז ער קען נאר לערנען תורה אויב ער האט געהעריגע שיעור, א געהעריגע חברותא, ער פארשטייט קלאר יעדע זאך, דאן איז נישט מעגליך ער זאל קענען לערנען יעדן טאג פון יאר, ווייל ס׳מאכט זיך כסדר צייטן וואס מ׳קען נישט לערנען געהעריג, און אויב מ׳איז אנגעוויזן אויף אזויפיל זאכן כדי צו קענען לערנען, גייט דורך א גרויס חלק פון יאר וואס מ׳לערנט נישט.

אויך זענען דא מענטשן וואס פאר זיי איז בכלל שווער צו לערנען, זיי האבן נישט קיין גוטע קאפ און פארשטייען נישט קיין לערנען, אדער זענען זיי פאריאגט מיט די שווערע ארבעט צו ברענגען פרנסה, און קענען זיך נישט צוזאמנעמען צו לערנען אביסל תורה, און דערנאך זענען דא געוויסע וואס האבן יא צייט, יא א גוטע קאפ, אבער למעשה ווען זיי קוקן זיך ארום זעען זיי אז ס׳גייט זיי דורך טעג וואכן און חדשים וואס זיי עפענען נישט קיין אידיש ספר.

אבער מיט׳ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן, קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה, מ׳נעמט א משניות און מ׳הויבט אן זאגן די ווערטער, יעדער איינער לויט וויפיל ער קען, און דאס קען מען טון צו יעדע צייט אונטער סיי וועלכע אומשטענדען, און דאס ברענגט אריין אינעם מענטש א געוואלדיגע גלוסטעניש צו וועלן לערנען נאך און נאך תורה.

און די זעלבע זאך איז מיט גמרא, שלחן ערוך, תהלים, חומש רש"י, און אלע חלקים פון די הייליגע תורה, יעדער לויט זיין געשמאק און געפיל, קען יעדער איינציגסטער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה יעדן איינציגסטן טאג פון זיין לעבן.

דערפאר איז יעצט גאר גרויס די שמחה אז מיר זענען זוכה פון פריש מקבל צו זיין די הייליגע תורה, און מיר נעמען זיך אלע פאר אז פון יעצט און ווייטער וועלן מיר יעדן טאג לערנען תורה, וואס דאס איז די שפייז פאר די נשמה, אזוי ווי ווען א מענטש עסט נישט שפירט ער נישט גוט, ער קען נישט טראכטן גראד, די זעלבע איז ווען די נשמה עסט נישט, מ׳לערנט נישט קיין תורה, ווערט דער מענטש צערודערט, ער ווייסט נישט וואס פעלט אים, ער ווייסט נישט וואס נאגט אים, ער איז דעפרעסט און צעבראכן, און גארנישט מאכט אים פרייליך, ווען מ׳איז אבער זוכה צו לערנען די הייליגע תורה, ווערט דער מענטש א פרייליכער געשמאקער צופרידענער מענטש, די תורה באגלייט אים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער ראש ישיבה שליט"א וועט אי"ה זיין אין קרית ברסלב ליבערטי אויף שבועות, די פילע חשובע איינוואוינער פון שטעטל זענען מקבל פנים די פילע געסט וואס קומען צו פארן אויף יום טוב.

**מתוקים מדבש ונופת צופים!**

***

# הכנות צום "אנשי חיל" קאמפיין, א וואך נאך שבועות

ווי יאר יערליך טוען די געטרייע עסקנים פון אנשי שלומינו, אנגעפירט דורך מו"ה אהרן פיש הי"ו און הר"ר אהרן וועבערמאן שליט"א, ארגאנדזשירן דעם יערליכן קאמפיין לטובת די הייליגע מוסדות.

אויף די בקשה פון ראש ישיבה שליט"א וועט דער היי יעריגע קאמפיין לויפן אויף א נייע צוגאנג, דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ער וויל אז יעדער איינער פון די קהילה זאל האבן א חלק אין די קאמפיין, דאס הייסט אז יעדער זאל נעמען א רעאליסטישער ציל צו וואס ער קען בעזרת השם דערגרייכן. דער היי יעריגער קאמפיין וואס וועט טראגן דעם נאמען "אנשי חיל" וועט נישט האבן א ציל פון געלט וויפיל מען וויל אויפטרייבן, נאר עס וועט האבן דער ציל אז לכל הפחות 400 "טיעמס" זאלן אנקומען צום ציל וואס זיי האבן גענומען אויף זיך. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט, אז ער וויל מיט דעם צייגן אז יעדע סכום וואס א איד געבט פאר צדקה איז חשוב און טייער.

אין די לעצטערע וואכן, זענען די עוסקים בצרכי ציבור באמונה ארומגעפארן בטירחא דגופא צו אלע שטעט וואו אנשי שלומינו וואוינען, און האבן אנגעווארעמט דעם ציבור, הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם. מען האט מסביר געווען די וועג וויאזוי דער קאמפיין וועט ארבעטן און געגעבן די געלעגנהייט זיך אונטערצונעמען א ציל וויפיל מען וויל דערגרייכן, ביז יעצט זענען שוין אונטער געשריבן געווארן איבער 180 שטרות פון אנשי שלומינו וואס האבן גענומען א ציל בסייעתא דשמיא.

עס דארף באטאנט ווערן אז די הייליגע מוסדות שטייען יעצט אין א גאר קריטישע מאמענט, מען דארף יעצט גאר נויטיג האבן פרישע בנינים אין אלע חלקים פון די קהלה און די מוסדות, מען בויעט יעצט פרישע מקוואות טהרה, בתי מדרשים, חדרים פאר אינגלעך, מיידל שולעס, און פילע אנדערע געברויכן פאר די הייליגע קהלה. דער ראש ישיבה שליט"א בעט נישט מען זאל געבן פון די אייגענע געלט, ער בעט מען זאל רופן די קרובים און באקאנטע זיי זאלן צושטייער געבן.

אין די פארגאנגענע יארן האט מען געזען ווי אנשי שלומינו האבן זיך איבערגעגעבן און אויפגעטריבן גאר שיינע סכומים, מען האט געזען ווי רוב רובם אידן זענען מכיר טובה דעם ראש ישיבה און די הייליגע מוסדות, און ווארטן ארויס מען זאל זיי רופן, און האבן מיט גרויס ווארימקייט אויפגענומען די גבאי צדקה וואס האבן געבעטן מען זאל זיי העלפן צוזאם שטעלן דאס געלט וואס זיי האבן זיך אונטער גענומען.

מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף ערווארט מען אויך היי יאר מען זאל שטארק מצליח זיין מיט׳ן קאמפיין, אנשי שלומינו וועלן ווידעראמאל געבן די געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש", וואס באלייכט

<<<<<<

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

# מתיקות התורה

**די תורה איז זיס?! אפשר פאר׳ן רב, דיין, תלמיד חכם; נישט פאר מיר... די תורה קען אבער יא זיין זיס פאר דיר, הערט ווי אזוי:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 21**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**





הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה יואל פעדער הי"ו, לע"נ ר׳ בנציון ב"ר יעקב איצקאוויטש ע"ה, יארצייט ד׳ סיון; במאנסי ע"י מו"ה אברהם חיים קלאגסברוין הי"ו, להצלחה בכל הענינים